# יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

**היינט 20 זייטען** — פרייז 30 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 105 | Łódź, Piątek, 4 maja 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, י"ט אייר תרצ"ד | № 105

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# יודען! שרייבט אונטער די נאציאנאלע פעטיציע!

**ZNANA PASZTECIARNIA** w Gmachu Hotelu „Manteuffel" pod osobistem kierunkiem STEFANA WOJCIECHOWSKIEGO została PRZENIESIONA na sezon letni **do PARKU JULJANÓW**
W soboty, niedzielę i święta podwieczorki taneczne na które uprzejmie zapraszamy. (Podwieczorek 75 gr.)

## בריליאנטען, גאלד,
זילבער, פערשיד. בישוטעריע, לאמ-פארד-קוויטעס קויפט און צאהלט די העכסטע פרייזען

Magazyn jubilerski **M. H. Lissak, Piotrkowska 5**

אי"ה זונטאג, פ' בהב"ח קומט קיין לאדז דער

## קאמארנער רבי

שליט"א פון פאביאניץ און וועט איינ-שטיין ביי ר' משה הירש ווראבלעוו-סקי נאוואמיעסקא 21, דער רבי שליט"א וועט הי זיין 2 טעג.

1809

כשר — היגיעניש

## !איבערראשענדע נייעס

דער גוט-בעקאנטער

## פענסיאנאט „RAJ"

פון הולאנקי (איגה. יורקעוויטש) איז שוין טעטיג און געפינט זיך איצט אין ווישניאווא גורא אין שענסטען פונקט,

**אין זייבערט'ס שענסטע פאלאץ געבען וואלד.**

מיר עמפפעהלען די ג. געסט פרוכטבארע. זוניגע, גרויסע צימערן מיט זעמטליכע בעקוועמליכקייטען. היי: סאראס-פראושע, באדע צימערן, ראדיא, טעלעפאן הי אויך פערשידענע ספארט- און געזעלשאפט-שפילען.
די קיך געפינט זיך אונטער דער לייטונג פון רוטינירטע פאכמענער.
קאנקורענץ-פרייזען! —::— סאלידע בעדינונג!
אינפארמאציעס ווערען ערטיילט אויפ'ן ארט אדער טעלעפאניש
Wiśniowa Góra Pensjonat „RAJ" Jurkiewicza, telefon № 5.

כשר — היגיעניש

# הנהלות הגמנסיות ובתי-הספר העממיים

של החברה ליסוד בתי-ספר עברים בלודז
מודיעות, כי הלשכות של

**הגמנסיה הראשונה לנערים,**
רחוב מגיסטרצקה 21, טלפון 134-11

**הגמנסיה השניה לנערים,**
רחוב מגיסטרצקה 22, טלפון 134-12

**הגמנסיה לנערות,**
רחוב פירמוביץ 6, טלפון 127-95

מקבלות בשעות העבודה, משעה 10 עד 14, הרשמות אל הגמנסיות ואל כל המחלקות של בתי-הספר העממיים.
אל המחלקה הראשונה של בית-הספר העממי (לפנים מכינה א) מתקבלים ילדים שמלאו להם שש שנים.
ההרשמות של ילדים וילדות בגיל ארבע שנים ומעלה אל
**גן הילדים של החברה הנ"ל** (רחוב שנקביטש 26)
מתקבלות בלשכת הגמנסיה לנערות, רחוב פירמוביץ 6.

רעי יקירי

**יחיאל** ב"ר יצחק אהרן נ"י **סאכאטשעווסקי**

אהוב וחביב!
יום מחר כי תעלה על ראש שמחתך, הוא שמחת

**„בר מצוה"**

שלך, תקבל מעומק לבנו את ברכתנו ברכת „מזלא טבא וגדיא יאיר ויהי' רעוא שתזכו הורך ומשפחתך לראות ממך רוב טוב ונחת על דרכי התורה והיהדות על הרי ציון וירושלים „חזק ואמץ" וה'ת לאיש, גם לאביך ואמך ברכת מזל טוב יאמר להם

ידידך מוער
האחים ( ישראל פנחס ( ומשה אהרן בערקאן

## די מענער-גימנאזיע
און פאושעכנע שולע

# בית-אלפנא

(תורה ודרך ארץ)
פיעטריקאווער 111. אלעי קאשטשושקי 48
טעלעפאן 17646.

נעמט אן איינשרייבונגען פון נייע שילער צום נייעם שול-יאהר אין אלע קלאסען. די קאנצעלאריע איז טעטיג יעדען טאג פון 2—9 פאר אומבעמיטעלטע עלטערן ערמעסיגטע פרייזען.
די לייטונג

## „גמילת חסדים" קעלמא 15.

זונטאג, דעם 6 מאי ה. י. 6,30 אוו. צום ערשטען טערמין און 8,30 ביי יעדע צאהל מיטגלידער קומט פאר די

## יעהרליכע גענעראל-פערזאמלונג

מיט פאלגענדער טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואהלען פון א פארזיצענדען און 2 אסעסארען, 3) טעטיגקייטס-בעריכט, 4) קאסע-בעריכט, 5) בעריכט פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע, 6) וואהלען פון א פערוואלטונג און רעוויזיאנס-קאמיסיע, 7) פרייע פארשלאגען. אלע מיטגלידער און סימפאטיקער ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען.
די פערוואלטונג.

## דאנקזאגונג.

דערמיט האבען מיר דעם כבוד צו דאנקען אונזער חשוב'ן מיטגליד

## ה' הערמאן בורנהיים

איגה. „ALA FOURCHETTE" פון באר פיעטריקאווער 62

פאר די שענקונג פון 15 טישען און 5% פון דעם ריי-זעווין פון דער פייערליכער ערעפנונג, וועלכע קומט פאר מוצאי שבת קודש, דעם 5 טען מאי און מיר ווינשען אייך, אז די ערעפנונג זאל זיין אין א שעה מצלחת.
**די פערוואלטונג**
פון בית היתומים, זגערזשער 40

## דאס הערן-שניידער-אטעליר פון
# א. ח. קוטשינסקי

געפינט זיך איצט אויף

## 13 נארוטאוויטשא 13

איז הויף, קווערפיצינע, 1 שטאק
פיהרט אויס בעשטעלונגען אויפ'ן זומער-סעזאן, לויט די לעצטע נייעסטע מאדע-זשורנאלען צו מעסיגע פרייזען פינקטליכע אויספיהרונג.

אונזער חשוב'ן פריינד ה' אהרן אראנאוויטש און פאמיליע, צוליב'ן טויט פון זיין אומפערגעסליכע

## פרוי נ. ע.

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.
זייט געטרייסט!
**ח. ד. שימשעוויטש און פרוי.**

נאך לאנגע שווערע ליידען איז נעכטן געשטארבען אין עלטער פון 56 יאהר מיין ליבע פרוי, אונזער טייערע און אומפערגעסל. מוטער, שוויגערמוטער, גראסמוטער, שוועסטער, שוועגערין און טאנטע נ"ע

# צירל ווערמונד

אשת ר' לייב הערש נ"י (געב. אולמאן)

די לויה קומט פאר היינט, פרייטאג, דעם 4 מאי 1934, 12 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז גדאנסקא 37, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער
די טיפטרויערענדע הינטערבליבענע

## בעקאנטמאכונג.

קומענדיגען זונטאג, דעם 6 מאי ד. י. 4 זייגער נאכמיטאג, וועט אין „זקנים-הויז" פאמארסקא 54, פארקומען אין צווייטען טערמין

## די יעהרליכע גענעראל-פערזאמלונג

פון די מיטגלידער פון דער חברה „מחסי לזקנים" און וועט גילטיג זיין ביי יעדער צאהל מיטגלידער.
מען בעט אלע מיטגלידער פינקטליך צו קומען.
**די פערוואלטונג.**

# הזכרה

זונטאג, פ' ב"ב דעם 6/5 פינקטליך 11 פריה קומט פאר אין בית הכנסת פון גמילת חסדים בי דעם גרינעם מארק 7 א הזכרה צו די שלושים פון אונזער לאנגיעריגען גבאי. פרעזעס

## ר' יוסף עלכנאוויטש ע"ה

וועלכער איז געשטאנען אויף דער וואך פאר אונזער פראזי אונקרמידליך 18 יאר און ער איז אין די בעסטע מיטעלע יארן אוועקגעריסען געווארען פון אונז. דערמיט פאדערן מיר אויף אלע אונזערע מיטגלידער ווי אויך אונזערע מתפללים ווי אויך אלע קרובים און פריינד פון דעם פערשטארבענעם פינקטליך צו ערשיינען ביי אונז אין בית הכנסת. מיט דרך ארץ
די פערוואלטונג פון גמילת חסדים
ביי דעם גרינעם מארק 7

אונזער חשוב'ן קארעספאנדענט פון ארץ-ישראל

## דונעק שמיד

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל צוליבן טויט פון זיין

# פאטער

רעדאקציע „נייער פאלקסבלאט"

# פּיניעלע מזיק

## גיט לשון



די ווילקער האַלטן זיך דעך פאַר גאַנצע מי־בומים. גאַנצע צילייגערס זענען זיי, די ווילקער, שרעקן הורא אין אַ־בעל אַראַן. און אַז ס׳מאַכט זיך עפּעס, טאָמער זעען זיי אַ שאַלעוו מיט אַ פּרינצע קישולקע, ווער׳ן זיי העזיק.

איך אָב באַך פאַרייורין גיזאָגט אַז מיט די ווילקער פּיליסיפּיע, עס מע גורביש מאַכן. מ׳מוז מאַכן א זעלבסטשיץ און דאַפּקע פין באַליטער יאַט־לעך, וואָס קענען לייגען אַ לאַטע, וואָס פערלירן ניש מילימעטר, אַז זיי זעען אַ קאַשילקאָווע שאַלעוו.

וואָרן צ׳זעהט דאָך, אַז די היצלעריסטען מיט די קאַנעקרייצען זענען גאַכטן גיוועזן קנאַקערס דאַפּקע אין ווילקע, אָבער קאַ באַליט אָבן זיי זעה ניש גיוועזן.

אי, העיערט עץ יאַטן, ווען די קאַשולקאָווע שובראַקיס וואַלטן גיפּרופּט עפּעס צו טון, אין באַליט האַלט איך, פּיניעלע, זיי פערציילט די מאַנסע פון שווייגער., אַי, וואָלט איך גילייגט לאַטעס, אַז עס וואָלט זיך באַר גיקוזשעט ביש באַר איעך, אַלע באַליטער יאַטן וואָלטן גיקיפּט. און אַז אַ שאַלע׳ו קריגט באַר איין טשובאַריק אין ציין־קעסטל אַראַן אָדער אַ גלעט איבערן ברעטל, פאַלט ער באַלד פון קוראַזש און מאַכט א ווטיל זוואַס...

גאַנצע צילייגערס זענען זיי, די ווילקער, און טאָמער זעהען זיי אַ קאַשולקאָווע שובראַק, לויפן זיי אין די מאַזן־לעכער.

אַקלאַל, באַליטער יאַטן. מיר באַליטער דאַרפן ניש מורא הובן. — איך, פּיניעלע, בין דאָ און שמולין גאַסל!

## רעצטע טעלעגראַמעם

קראַקאַ. (טעלעפאַניש צום „קונדס").

סיין קראַקאָ איז געקומען אַ גרופּע היטשע׳טור־איקסט זיי האָבן בעזיכטיגט די שטאָט, קיין פאַ־ראַם אויף יידען איז נישט געווען.

* * *

בערלין.

אין בערלין האָט אַ 18־יאָהריגער יודישער בחור זיך געווענדעט צו דער מאַכט מיט אַ ביטע מ׳זאָל איהם ערקלערען פאַר פּוליעהריג און מ׳זאָל איהם דערלויבען חתונה צו האָבען מיט אַן אַריש מיידעל. די ביטע איז אָפּגעוואָרפען געוואָרען.

בעמ. פון „קונדס":

באמת אַ וואונדער: דער בחור איז דאָך אויך אַ נאַרישער!..

ש. רעלעם

# ער לעגט אַף די ספּראַווע

## דער אדוואקאַט איז דער חתונה־נאַכט

אַ היגער אַדוואָקאַט, אַן אַלטער בחור האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונג מיידעל.

נאָך דער חתונה־מאַלצייט, ווען דאָס פּאָרעל איז געבליבען אַליין, פרעגט דער חתן די כלה:

— נו, רעגינאַ, וואו איז אייער פּערטיידיגער?

— וואָס פאַר אַ פּערטיידיגער?

— ווילט איהר, עזייסט עס, אַליין זיך בראַניען?

— אַז איך האָב נישט בדעה זיך צו בראַניען.

— אויב אַזוי, האָט דער חתן־אַדוואָקאַט געענטפערט — לייג איך אָפּ די ספּראַווע!..

# פאָהרט א יודענע קיין ארץ־ישראל

— כ׳האָב געהערט אַז זי וויבערען זיך קיין פּאַלעסטינע? דאָרט איז דאָך פּע־ציג גראַד היץ אין שאָטען?

— אַ שיינע מעשה כ׳לעבען! איך מוז דאָך אַ־קוראַט זיצען אין שאָטען!..

# צוקער צו מאַנטשקע?

## אין דער קראַנקען־קאַסע

דאָקטאָר: איהר זענט קראַנק אויף צוקער.

יוד: ענטשולדיגט הער דאָקטאָר — אויף קלעצ־לעך צי אויף מאַנטשקע?

# די סיבה

— שוין זעקס חדשים ווי איהנס מאַן איז געשטאָרבען און זי לעבען נאָך אַלץ אַזוי טרויעריג.

— יאָ, כ׳האָב נאָך אַלץ נישט געקריגען אויסגעצאַהלט די לעבענספערזיכערונג.

# איך בין אויך א חזיר!

## ביי אַ „פּול טשאַרני"

— וואָס זאָגט איהר נישט צו ציפּקיסן? איך בעט ביי איהם אַ גמילות־חסד 10 זל. וויל ער מיר נישט געבען — איז ער נישט קיין חזיר?

— פאַניע ציפּקעס, איך בין אויך אַ חזיר.

# א מיטעל געגען רעגען

ערשטע יודענע: אוי, ווי ס׳ברעכט מיך אין די ביינער, ס׳וועט זיכער קומען אַ רעגען!

צווייטע: זי האָבען נישט אַ מיטעל צו דעם ברעכונג?

ערשטע: כ׳האָב יאָ.

צווייטע: מאַ בעהמען זי שנעלער — צו וואָס דאַרף מען איצט דעם רעגען.

# א צנועה

מאַדאַם: פאַרוואָס ביזטו אַוועק פון דער פריהערדיגער שטעל?

משרת: ווייל דער הער האָט מיר אַ קוש געגעבען.

מאַדאַם: אַזאַ צנועה ביזטו?

משרת: ניין, גראָד איז די מאַדאַם אַנגעקומען.

# 1־טער מאַי־דעמאָנסטראַציע




וועֶר, וואָס ס׳פּאַדערט...

# דער קונדס

הומאָר • סאַטירע •

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאַגע צום „נייעם פאָלקסבלאַט" נומער 105 — פרייטאַג, דעם 4 מאַי 1934

# אפשר איז דער סטראַטאָספערע



וועלן מיר נישט זעהן די „גרינגע" און „ווישניאַווע" העמדעלדיגע...

